געפֿונען, סײַ שלעכטע סײַ גוטע, און דער חתונה־
11 זאַל איז פֿול געוואָרן מיט געסט. נאָר ווען דער
קעניג איז אַרײַנגעקומען זעען די געסט, האָט ער
דערזען דאָרטן אַ מענטשן, וואָס איז נישט געווען
12 אָנגעטאָן אין אַ חתונה־מלבוש; און ער זאָגט צו אים:
פֿרײַנט, וויאַזוי ביסטו אַרײַנגעקומען אַהער, נישט
האָבנדיק קיין חתונה־מלבוש? און ער איז געבליבן
13 שטום. דעמאָלט האָט דער קעניג געזאָגט צו די
באַדינער: בינדט אים הענט און פֿיס, און וואַרפֿט
אים אַרויס אין דער אויסערסטער פֿינסטערניש! דאָרט
14 וועט זײַן דאָס קלאָגן און קריצן מיט די ציין. וואָרום
אַ סך זענען גערופֿן, ווייניקע אָבער אויסדערוויילט.
15 דעמאָלט זענען די פּרושים געגאַנגען, און האָבן
זיך געהאַלטן אַן עצה, וויאַזוי זיי זאָלן אים פֿאַנגען
16 מיט אַ וואָרט. און זיי שיקן צו אים זייערע תּלמידים
מיט הורדוסנס לײַט, אַזוי צו זאָגן: רבי, מיר ווייסן,
אַז דו ביסט וואָרהאַפֿטיק, און אַז דו לערנסט באמת
דעם וועג פֿון ג-ט, און פֿרעגסט נישט נאָך קיינעם;
וואָרום דו ביסט נישט נושא־פּנים קיין מענטשן.
17 זאָג זשע אונדז, וואָס מיינסטו: מעג מען געבן דעם
18 קיסר מס, אָדער נישט? ישוע האָט אָבער פֿאַרשטאַ־
נען זייער בייזוויליקייט, און האָט געזאָגט: וואָס
19 פּרואווט איר מיך אויס, צבֿועקעס? ווײַזט מיר די
מטבע פֿון מס! און זיי האָבן אים געברענגט אַ דינר.
20 און ער זאָגט צו זיי: וועמעס איז דאָס בילד און
21 די אויפֿשריפֿט? זאָגן זיי: דעם קיסרס. זאָגט ער
דעמאָלט צו זיי: גיט זשע אָפּ דעם קיסר, וואָס איז
דעם קיסרס; און צו ג-ט, וואָס עס געהערט צו
22 ג-ט! און ווען זיי האָבן דאָס געהערט, האָבן זיי
זיך געוואונדערט, האָבן אים פֿאַרלאָזט, און זענען
אַוועקגעגאַנגען.